**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/4/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט דאס אנצינדן פון NYS לענדמארקס אפצוייכענען אלזהיימער׳ס באוואוסטזיניגקייט מאנאט

### *לענדמארקס אויפגעלאכטן צו ווערן אין טיעל*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויף דער נאכט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט לענדמארקס וועלן ווערן אויפגעלאכטן אין טיעל (בלוי-גרין) היינט אויף דער נאכט, נאוועמבער 4, 2021, אפצוייכענען אלזהיימער׳ס באוואוסטזיניגקייט מאנאט.

"אזוי ווי פאר פילע אנדערע, איז אלזהיימער׳ס פאר מיר א טיף פערזענליכע נושא," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין זיידע — אן איירישער אימיגראנט וועלכער האט געארבעט ביי בעטלעהעם סטיעל אין באפעלאו — האט זיך געראנגלט מיט דער קראנקהייט אין זיינע עלטערע יארן. אלזהיימער׳ס באוואוסטזיניגקייט מאנאט איז א צייט פאר אונז אלז זיך צו באקלערן איבער די אלע וועלכע ליידן פון דער געפערליכער קראנקהייט, ווי אויך זייערע פאמיליעס וועלכע דארפן מיטטראגן א גרויסער טייל פון דער לאסט. דער חודש איז אויך א צייט פאר אונז ארויסצוהעלפן און צו ווייזן אונזער דאנקבארקייט פאר די אומבאזינגענע העלדן וועלכע האבן געווידמעט זייערע לעבנס אויף אויפצופאסן פאר אנדערע אין נויט."

די לענדמארקס צו ווערן אויפגעלאכטן אין אנערקענונג פון אלזהיימער׳ס באוואוסטזיניגקייט מאנאט רעכענען אריין:

- וואָן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו מ. קאומאו ברידזש
- קאסציאושקא ברידזש
- דער העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדיוקעשען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט פעירגראָונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספּאָ צענטער
- ניאגארא פאָללס
- דער ׳פראנקלין די. רוזוועלט׳ מיטל-הודסאן ברידזש
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
- אלבאני אינטערנאציאנאל עירפארט געיטוועי
- דער לעיק פלעסיד אָלימפיק דזשאָמפינג קאָמפלעקס
- MTA LIRR - איסט ענד געיטוועי ביי פען סטעישען

אין דעם איצטיגן מאמענט זענען פארהאן איבער 400,000 ניו יארקער איבער די עלטער פון 65 וועלכע וואוינען מיט אלזהיימער׳ס קרענק. ביז 2025 איז דער ציפער ערווארטעט צו שטייגן איבער צוועלף פראצענט. דאס הייסט א פאראויסגעזעהענע 460,000 מענטשן וועלן דארפן עפעס א סארט אויפפאסונג אדער הילף. ניו יארק שטאלצירט זיך אנצובאטן א סטעיט-ברייטע פראגראם צו באזארגן אן אויספירליכע ריי קאמיוניטי-באזירטע סערוויסעס פאר מענטשן מיט אלזהיימער׳ס און זייערע אויפפאסער. די אלזהיימער׳ס אסאסיעשען, ניו יארק סטעיט קאאליציע קאארדינירט די אלזהיימער׳ס קרענק קאמיוניטי הילף פראגראם אין יעדע ראיאן פונ׳ם סטעיט. די סערוויסעס שטרעבן אויף אפצוהאלטן אדער אפצושטופן נורסינג האום פלאצירונג און צו שטיצן יחידים מיט אלזהיימער׳ס, זייערע אויפפאסער, און פראפעסיאנעלן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418